# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת חקת בלק, י"ב תמוז, אבות פרק י"א, שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 41 (455)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:15
מוצאי שב"ק...................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ירמיה ל"ב-ל"ג
בבלי.........................שבת ק"כ
ירושלמי.....................יומא ל"ג
תוסיפתא...................עירובין ז'
רמב"ם........מלכים ומלחמות ז'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיְשַׁלַּח ה' בָּעָם אֶת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): כָאטְשׁ 'תּוֹכָחָה' אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא יט, יז): **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ**; דָאךְ אִיז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער צוּגֶעפַּאסְט צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער **תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא** הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין צַייט (עֲרָכִין ט"ז ע"ב): אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיב עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר; אוּן אוֹיב רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט דָאס שׁוֹין גֶעזָאגְט אִין זַיין דוֹר, אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר. אוּן אַז אֵיינֶער זָאגְט יָא מוּסָר פַאר אַנְדֶערֶע, דֶעמָאלְטְס נִישְׁט נָאר עֶר הֶעלְפְט נִישְׁט יֶענֶעם מִיט דִי מוּסָר, נָאר עֶר וַוארְפְט אִים נָאךְ מֶער אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן; וַוייל מוּסָר זָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ פָארְצוּהַאלְטְן אַ מֶענְטְשׁ: 'פַארְוָואס' הָאסְטוּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן?! "פַארְוָואס?! וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר צוּבְרֶעכְט מִיר".

וִוי בַּאקַאנְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער **בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסְצוּרַייסְן דִי בַּעֲלֵי מוּסָר אוּן דִי מַגִידִים, וָואס פְלֶעגְן אַרוּמְפָארְן אִין דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ זָאגְן שַׁארְפֶע מוּסָר דְרָשׁוֹת מִיט אַ נִיגוּן וְכוּ', אוּן גוּט צוּבְרָאכְן דֶעם עוֹלָם: אִיר וֶועט בְּרֶענֶען אִין אַ רוֹיטֶע פַייעֶר, גֶעלֶע פַייעֶר, גְרִינֶע פַייעֶר וְכוּ'. בִּשְׁעַת אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּבְרָאכְן פוּן דִי צָרוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלִיטְן פוּן דִי גוֹיִם יִמַּח שְׁמָם, וֶוען דִי קָאזַאקְן הָאבְּן גֶע'הַרְגֶ'עט אָן אַ שִׁיעוּר אִידְן, אוּן גֶע'גַזְלְ'ט אוּן גֶערוֹיבְּט פוּן אִידְן וָואס עֶס אִיז זֵיי נָאר גֶעקוּמֶען אוּנְטֶער דִי הַאנְט וְכוּ', ווִידֶער צְווִישְׁן דִי אִידְן אַלֵיין הָאבְּן דִי לוֹמְדִים בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף דִי פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן. בְּקִיצוּר אִידְן זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען בְּשְׁפַל הַמַּצָּב.

אוּן נָאךְ אַלֶעם זֶענֶען דִי מַגִידִים אַרוּם גֶעפָארְן אוּן נָאר גֶעזָאגְט מוּסָר פַארְן עוֹלָם, אוּן דֶעם **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** הָאט דָאס זֵייעֶר וֵוויי גֶעטוּהְן, אוּן עֶר אִיז דֶערוֹיף זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זָאגְט (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים): **שָׁמַעְתִּי מִמּוֹרִי** - אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**, אַז דָאס וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כא, ו): **וַיְשַׁלַּח ה' בָּעָם אֶת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וְגוֹ'** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע שְׁלֶענְג וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבִּיסְן דֶעם פָאלְק אוּן אָפְּגֶע'הַרְגֶ'עט אַ רִיזִיגֶער עוֹלָם; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מַגִידִים אוּן בַּעֲלֵי מוּסָר וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי וִוי שְׁלֶענְג וָואס בַּייסְן דֶעם פָאלְק.

אֵיינְס פוּן דִי פִילֶע מַעֲשִׂיוֹת אִיבֶּערְדֶעם אִיז בַּאקַאנְט (עַיֵּין בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים), אַז דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי שְׁטָאט אַלִיק, אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶער פוּן דִי רָאשֵׁי קְהִילָה, פּוּנְקְט יֶענֶעם שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי מַגִידִים, דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** הָאט גֶעדַאוֶוענְט עֶקְסְטֶער מִיט אַ מִנְיָן אִין זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל, וַוייל עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּקְן דֶעם מַגִיד, אָבֶּער דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל - בַּיי וֶועם דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען - הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי דְרָשָׁה וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אִינְמִיטְן הָאט דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** גֶעהֶערְט אַז דֶער **בַּעַל-דַּרְשָׁן** רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוּן אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף דִי אִידְן, הָאט עֶס אִים זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן וֵויי גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין מְשָׁרֵת, עֶר זָאל גְלַייךְ אַהֵיימְרוּפְן דֶעם רֹאשׁ הַקָּהָל, אִינְצְוִוישְׁן הָאט דֶער מְשָׁרֵת אוֹיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר אַנְדֶערֶע, אַז דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ** אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף דֶעם מַגִיד, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְגֶערוּקְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן שׁוּל אֵיינֶער נָאכְן אַנְדֶערְן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען דֶער מַגִיד הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעעֶנְדִיגְט זַיין דְרָשָׁה.

צוּמָארְגְנְס אִיז דֶער **בַּעַל-דַּרְשָׁן** גֶעקוּמֶען גֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְן **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ**, פְרֶעגְט אִים דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ**: וֶוער זֶענְט אִיר? זָאגְט עֶר: אִיךְ בִּין דֶער **בַּעַל-דַּרְשָׁן**
<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ שֵׁיינֶער שִׁידוּךְ

חֲזַ"ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן י"ח:) אַז אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים, אוּן אִין כְּתוּבִים, זֶעעֶן מִיר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ מֵה' יָצָא הַדָּבָר". אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא". אוּן אִין כְּתוּבִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַ גוּטֶער שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן אִיד. יֶעדֶער בָּחוּר אוּן יֶעדֶע מֵיידְל הָאבְּן זֵייעֶר בַּאשֶׁערְטֶע אָנְגֶעגְרֵייטֶע שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעעֶן מִיר אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן פִילֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶועלְכֶע עֶלְטֶערְן זִיךְ אוּן קֶענֶען נִישְׁט טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס?

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אַז דִי מֶענְטְשְׁן אַלֵיין זֶענֶען שׁוּלְדִיג אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט זֵייעֶר שִׁידוּךְ. דֶער בָּחוּר אוּן דִי מֵיידְל וַוארְטְן נָאר צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער שִׁידוּךְ, עֶפֶּעס אַזוֹינְס וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אֵיינֶעם מִיט אַלֶע סָארְט מַעֲלוֹת וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אוּן אַזוֹי וֶועלְט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וַוארְט אוּן מֶען וַוארְט, אוּן אִינְצְוִוישְׁן לוֹיפְן דוּרְךְ לַאנְגֶע חֳדָשִׁים אוּן יָארְן, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דֶעם שִׁידוּךְ.

דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז נָאר אֱמוּנָה. אַ אִיד דַארְף גְלֵייבְּן אַז יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַזוֹי, אָבֶּער גָאר סְפֶּעצִיעֶל אִיז דָאס אַזוֹי בַּיי שִׁידוּכִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין זָארְגְט זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם. נָאר וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן דֶעם שִׁידוּךְ, זָאגְט מֶען עֶס אָפּ מִיט נַארִישֶׁע תֵּירוּצִים, וַוייל
<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ [טְרֶעמְפּ] מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט אִים אַבִּיסְל מְקַנֵּא גֶעוֶוען, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן"; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבִי'עֶר חָסִיד; אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשי"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

איךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזַא שֵׁיינֶע בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט בַּאקוּמֶען; אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אֵיין שְׁטִיקְל אִינֶעם בְּרִיוו וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט וִוי פְרֵיילִיךְ דוּ בִּיסְט אוּן אַז דוּ טְרַאכְסְט מֶער נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר; עֶס גֵייט דִיר מֶער נִישְׁט אָן וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וַוייל דוּ דַארְפְסְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ שִׁידוּךְ - אַ מַאן מִיט וֶועם צוּ לֶעבְּן. אוּן דוּ שְׁרַייבְּסְט וַוייטֶער אַזַא שְׁטַארְקֶע זַאךְ: "וֶוען אִיךְ טְרֶעף זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, זִינְג אִיךְ מִיר דִי נִיגוּן מִי לִי בַּשָּׁמַיִם..."

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ מֶען קֶען הֶערְן אַזַא שֵׂכֶל אוּן אַזַא שְׁטַארְקֵייט בַּיי עֶלְטֶער עֶלְטֶער בַּאבֶּעס, דָא בִּיסְטוּ אַ יוּנְגֶע מֵיידְל אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין מֶער שֵׂכֶל וִוי עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן; קוּק צוּ וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ, עֶר בּוֹיט אוּנְז אוֹיף, מִיר זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה אַז עֶס זָאל אוּנְז מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער נִיגוּן מִי לִי בַּשָּׁמַיִם וָואס מִיר זִינְגֶען אִין יְשִׁיבָה, דִי וֶוערְטֶער הָאט פַארְפַאסְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק - דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מֶען הָאט אִים גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ - לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", הָאט עֶר אַזוֹי גֶעזָאגְט: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם" וֶועם הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל? - אַלֶע זֶענֶען קֶעגְן מִיר, "וְעִמְּךָ", אוּן אַז אִיךְ הָאבּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם; הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען מִיט אַ בֶּענְקְשַאפְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם - נָאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין".

הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו; זָאג וַוייטֶער תְּהִילִים, גֵיי וַוייטֶער אֵיידְל אָנְגֶעטוֹן אוּן הֶעלְף דַיין מַאמֶע, דוּ הָאסְט זֵייעֶר חָשׁוּבֶ'עֶ עֶלְטֶערְן; וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תש"פ)

>>>>>>

וָואס הָאט דָא נֶעכְטְן אוֹיפְגֶעטְרֶעטְן מִיט אַ דְרָשָׁה! אוּן אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן: פַארְוָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר? הָאט דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוֹיף, בְּשְׁעַת טְרֶערְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְלִיסְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן: דוּ וַואגְסְט זִיךְ צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטֶס אוֹיף אִידְן?! וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אַגַאנְצְן טָאג אִין מַארְק, אוּן פַארְנַאכְטֶס גֶעט עֶר זִיךְ אַ כַאפּ: "גֶעוַואלְד, בַּאלְד קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶונֶען מִנְחָה!" אוּן עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין אַ ווִינְקְל דַאוֶונֶען, אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, צִיטֶערְן דִי מַלְאָכִים אוּן שְׂרָפִים פוּן זַיין דַאוֶונֶען!!!

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעהַאלְטְן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ צוּבְּרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, וָואס נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְהֵייבְּן, אוּן וִוידֶער אַקֶעגְן דִי תַּאֲוֹות נוּצְט אוֹיךְ נִישְׁט דֶער וֶועג, אַזוֹי וִוי דֶער וֶועלְט זָאגְט: אַז מֶען צוּבְּרֶעכְט אַ שְׁטֶעקְן וֶוערְט דֶערְפוּן צְוֵויי; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז דוּ צוּבְּרֶעכְסְט אַ תַּאֲוָה וֶוערְט דֶערְפוּן צְוֵויי תַּאֲווֹת!

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט נָאר גֶעגָאסְן לֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג אָפְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט שׁוֹין מְמֵילָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים. אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, פֶּרֶק ה): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ צִיט אַרָאפּ אוֹיף זִיךְ דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְט פוּן פִיל לֶעכְטִיגְקֵייט וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט אַלֶע מַשְׁחִיתִים.

(קוּנְטְרֵס דוּ בִּיסְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן)

>>>>>>

עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם אוֹיסְגֶערוּפֶענֶעם כָּבוֹד, גֶעלְט, אָדֶער יִחוּס, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג וַוארְפְט מֶען אַוֶועק דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט.

אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אַז זַיין שִׁידוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימְל, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ אַזוֹי לַאנְג וָואס דֶער וֶועמֶען מֶען טְרָאגְט אָן אִיז גֶעזוּנְט אוּן נָארְמַאל. וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט בַּאשֶׁערְט וֶועט עֶס סֵיי וִוי נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן. עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אִים זִיכֶער אוּנְטֶער נָאר זַיין רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע.

דֶער גַאנְצֶער זַאךְ פוּן שִׁידוּכִים אִיז פוּל מִיט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פוּן גִלְגוּלִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין. מֶען דַארְף אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט זִיכֶער וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ טָאר מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּזָאגְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט תִּירוּצִים. קוֹדֶם זָאגְט מֶען "יָא", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שׁוֹין פִירְן אַז אוֹיבּ אִיז עֶס נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע זָאל עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן. וִוידֶער אוֹיבּ זָאגְט מֶען "נֵיין", אוּן עֶס אִיז טַאקֶע יָא דִי רִיכְטִיגֶע, וֶועט מֶען מוּזְן דוּרְכְגֵיין אַסַאךְ צָרוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דֶער שִׁידוּךְ סֵיי וִוי אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַזוֹי.

חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס"ג.) "נְחוּת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא" - גֵיי אַרָאפּ אַ טְרֶעפְּל אוּן הָאבּ חֲתוּנָה מִיט אַ פְרוֹי. דָאס מֵיינְט אַז וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, אִיז עֶר נָאר פַארְנוּמֶען צוּ זָאגְן אַז דֶער שִׁידוּךְ פַּאסְט אִים נִישְׁט, אוּן יֶענֶער שִׁידוּךְ טוֹיג נִישְׁט, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ יָארְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ. דֶערִיבֶּער לֶערְנֶען אוּנְז דִי הֵיילִיגֶער חֲכָמִים אַז אֵיידֶער מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען אַרָאפְּגֵיין אַ טְרֶעפְּל, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס, אוּן דַאן וֶוען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּ הַאלְטְן אַזוֹי גְרוֹיס? דָאס קוּמְט נָאר פוּן אֱמוּנָה. וֶוען מֶען נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן מִיט'ן גַאנְצְן הַארְץ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דַאן הַאלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס אַז מֶען קֶען אַלֶעס אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אוּן אוֹיסְפִירְן, נָאר מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ פִירְן פוּן אִים. אוּן וֶוען מֶען הֶערְט פוּן אַ שִׁידוּךְ וֶועט מֶען זִיךְ נָאר פְרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וָואס אִיז מַסְכִּים זִיךְ מְשַׁדֵךְ צוּ זַיין מִיט אִים, אוּן מֶען וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּכִים.

אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוּן אִיז צוּבְּרָאכְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַזוֹיפִיל יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שִׁידוּךְ. עֶס זֶענֶען דָא גֶענוּג שִׁידוּכִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ - מִיט זַיין נַארִישֶׁע גַאֲוָה - וַוארְפְט אַלֶעס אַוֶועק מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת אַחֲרֵי) אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן נָדָב אוּן אֲבִיהוּא אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט: "אוּנְזֶער פֶעטֶער אִיז דֶער קֶענִיג פוּן דִי אִידְן, אוּנְזֶער טַאטֶע אִיז דֶער כֹּהֵן גָדוֹל, אוּנְזֶער מַאמֶע'ס בְּרוּדֶער אִיז אַ נָשִׂיא, אוּן מִיר אַלֵיין זֶענֶען סְגַנֵי כְּהוּנָה, נוּ וֶועלְכֶע פְרוֹי פַּאסְט דֶען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אוּנְז אוֹיבּ מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְרוֹיס?"

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פָּרָשָׁה ס"ח) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט אוּן מַאכְט לֵייטֶערְס, דֶעם הוֹיבְּט עֶר אוֹיף אוּן דֶעם נִידֶערְט עֶר אַרָאפּ, בִּיז זֵיי בֵּיידֶע מוּזְן מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ. מֶענְטְשְׁן מוּזְן נֶעבֶּעךְ דוּרְכְגֵיין שְׁוֶוערֶע צָרוֹת בִּיז זֵיי בְּרֶעכְן זִיךְ אוּן זֶענֶען מַסְכִּים צוּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעהַאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אַז אַ שִׁידוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט, אוּן זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט אָפְּגֶעזָאגְט קַיין שִׁידוּכִים אַזוֹי לַייכְט, דַאן וָואלְטְן זֵיי זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן גָאר אַסַאךְ צָרוֹת.

וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט אָפְּזָאגְן קַיין שִׁידוּךְ צוּלִיבּ גֶעלְט, אָדֶער וַוייל מֶען וִויל וַוארְטְן דַוְקָא אוֹיף אַ שִׁידוּךְ וָואס זָאגְט צוּ אַ גְרוֹיסְן נַדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס דַארְף אַ אִיד מְקַיֵּים זַיין מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָפְּגֶעזֶען צִי עֶס אִיז יָא דָא גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ט) אַז דִי פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן וואוּ מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אוּן פַּרְנָסָה צוּ קֶענֶען לֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַדְרַבָּה נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועט מֶען עֶרְשְׁט הָאבְּן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה אִין זְכוּת פוּן דִי פְרוֹי.

<<<<<<




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה, מוּז מֶען הָאבְּן אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן ?

*שְׁאֵלָה :*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה בָּרוּךְ ה', אַלֶע זֶענֶען גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע, אוּן בּוֹיעֶן שֵׁיינֶע שְׁטִיבֶּער, אוֹיסֶער אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן וֶועג.

מַיין מַאמֶע הָאט בֶּאֱמֶת אַסַאךְ אַסַאךְ נַחַת, אָבֶּער זִי עֶנְדִיגְט נִישְׁט הָאבְּן דַאֲגוֹת פוּן יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנדער, אֵיינֶער וָואס וואוֹינְט אִין אַ פְּלַאץ וָואס אִיז מֶער מָאדֶערְן, אוּן כָּאטְשׁ דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין דַאֲגָה'ט זִי, אַ צְוֵוייטֶע הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין פַּרְנָסָה, אַ דְרִיטֶע דַאֲגָה'ט זִי אוֹיף אַן אֵיינִיקְל וָואס הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי רְשִׁימָה אִיז לַאנְג, זִי הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין טָאג מְנוּחָה.

זִי גֶעבְּט אַוֶועק אַסַאךְ כֹּחַ אוּן צַייט צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן, אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט אִיר, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, זִי אִיז אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל אוֹיף יֶעדְן. אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז ס'אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ, אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף טַאקֶע זַיין. אַזוֹי דַארְף אוֹיסְקוּקְן אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע ? ! וָואס מֶער קִינְדֶער אַלְץ מֶער דַאֲגוֹת, אַלְץ וֶוייניגֶער מְנוּחָה ? עֶס זֶעט אוֹיס אַז ס'עֶנְדִיגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט, אַז בִּיז 120 וֶועט אַזוֹי אוֹיסְזֶען אִיר לֶעבְּן, אוּן עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן שְׁוֶוערֶער, וַוייל עֶס קוּמֶען נָאךְ אֵיידֶעמֶער, נָאךְ אֵיינִיקְלֶעךְ, אַלֶע וַואקְסְן ב"ה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיז דָא אַ וֶועג וָואס אִיךְ קֶען אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן ? אוּן צְוֵוייטְנְס אוֹיבּ אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ בַּיי מִיר ? אַזוֹי זֶעט אוֹיס דִי לֶעבְּן פוּן אַ מַאמֶע וָואס הָאט אַסַאךְ קִינְדֶער ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה :*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיר פְרֶעגְט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁאֵלָה, אַ וִויכְטִיגֶע שְׁאֵלָה ; אַ שְׁאֵלָה וָואס אַלֶע הָאבְּן.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז : "עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין" ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה ; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין פִירְט דִי וֶועלְט, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט אִיז דֶער לֶעבְּן זִיס אוּן שֵׁיין, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט ; מֶען וֵוייסְט אַז וִוי מֶער קִינְדֶער מֶען הָאט אַלְץ מֶער נַחַת רוּחַ מַאכְט מֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט פּוּנְקְט וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשָׁלְ'ט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי אֱמוּנָה, מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן אַז זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְט עֶסְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן יֶעדֶע זַאךְ ; מֶען וֶוערְט פַארְ'דַאֲגָה'ט אוּן פַארְשְׁוַוארְצְט, מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, דֶעמָאלְט אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט ; מֶען אִיז בַּאזָארְגְט סַיי מִיט קִינְדֶער אוּן סַיי אָן קִינְדֶער, סַיי אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אוּן סַיי וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן ; מֶען קֶען הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע לֶעבְּן, דִי זֶעלְבֶּע קִינְדֶער, דִי זֶעלְבֶּע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט פַארְ'דַאֲגָה'ט, מֶען אִיז נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט, מֶען הָאט הֲנָאָה יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע פוּנֶעם לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעוִויזְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי וַוייט אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ ; עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ יַענְקְל וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט : "וָואס מַאכְסְטוּ יַענְקְל ?" גֶעגֶבְּט עֶר אַ קְרֶעכְץ אוּן זָאגְט : "וָואס קֶען אִיךְ שׁוֹין מַאכְן ? בַּיי דִי אַכְצִיג יָאר דַארְף אִיךְ שְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, אִיךְ שְׁלֶעפּ דָאס אַרוֹיף אַפָּאר שְׁטָאק, מַמָּשׁ דִי רוּקְן בְּרֶעכְט זִיךְ מִיר, דִי פִיס הַאלְטְן מִיר שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן ? !" דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הֶערְט אִים אוֹיס אוּן גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים. אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער גֵייט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זִי"ע נָאכְאַמָאל מִיט דִי

<<<<<<

>>>>>>

נָאךְ אַ נַארִישֶׁע תֵּירוּץ נוּצְן גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן אָפְּצוּזָאגְן שִׁידוּכִים, דָאס אִיז צוּלִיבּ דִי אָפְּשְׁטַאם אָדֶער קְרֵייז פוּן דִי בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל. מֶען וִויל נִישְׁט נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ פַאמִילְיֶע וָואס קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע קְרֵייז, פוּן אַן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת, אָדֶער פוּן אַן אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאם. דָאס אִיז נָאךְ אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע צוּרִיק צוּ הַאלְטְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידְן קוּמֶען פוּנֶעם זֶעלְבְּן כִּסֵּא הַכָּבוֹד, אוּן דָארְט זֶענֶען אַלֶע אִידְן אֵיינִיג, דָארְט אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן וואוּ מֶען קוּמְט, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אָפְּצוּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ מִיט דֶעם נַארִישְׁן אוֹיסְרֵייד.

דֶער שִׁידוּךְ פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב'.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אוֹיס "בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי". דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם שִׁידוּךְ מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט צוּלִיבּ זַיין נַארִישֶׁע כָּבוֹד אוּן גַּאֲוָה. אֵיידֶער מֶען וִויל אָפְּזָאגְן אַ שִׁידוּךְ צוּלִיבּ אַ חִסָּרוֹן וָואס מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן, זָאל מֶען זִיךְ קוֹדֶם גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין שְׁפִּיגְל צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען אִיז אַלֵיין יָא אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גוּט אָן קַיין שׁוּם חֶסְרוֹנוֹת. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט חֶסְרוֹנוֹת, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי אֵייגֶענֶע חֶסְרוֹנוֹת זֶעט מֶען נִישְׁט, אוּן יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת זֶעט מֶען יָא.

ווארויל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גְרוֹיס, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט גְרִינְג אוּן שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר אוֹיךְ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶס וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

### אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ גָאר אַסַאךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט שִׁידוּכִים, צוּ זֶען אַז עֶס זָאל וֶוערְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר, שׁוֹין אִין דִי דְרַייסִיגֶער יָארְן, וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטְרָאגְן גָאר אַסַאךְ שִׁידוּכִים, אוּן עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס גוּטֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס אָפְּצוּזָאגְן דִי שִׁידוּכִים. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים פְּרוּבִּירְט אִיבֶּערְצוּרֶעדְן אַז עֶר זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ נָאר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט אַלֶע סָארְט תֵּירוּצִים, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מוֹהֲרָא"ש : "אִיךְ קוּם דָאךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן טוּרֵי זָהָב, עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר מִיר צוּ טוּן אַ פָּשׁוּטֶער שִׁידוּךְ"... הָאט אִים מוֹהֲרָא"ש גֶעעֶנְטְפֶערְט : "גְרַאדֶע אִיז דִי מֵיידְל אוֹיךְ פוּן גָאר אַ גְרוֹיסֶע יִחוּס, זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְן מָגֵן אַבְרָהָם"... וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז זִי אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית ט"ו) "וְאָנֹכִי מָגֵן לָךְ"...

אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהֲרָא"ש אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ שִׁידוּךְ שְׁלִיסְן בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט : "דָאס וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין דֶער גְרֶעסְטֶער מְחוּתָּן בַּיי דֶעם שִׁידוּךְ". וַוייל דֶער בָּחוּר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעוָואלְט מַסְכִּים זַיין צוּם שִׁידוּךְ צוּלִיבּ זַיינֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ בִּיז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז עֶס הָאט אִים גֶענוּמֶען זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער, וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פוּן מְיוּחָס'דִיגֶע פַאמִילְיֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט דַוְקָא גָאר אַ שֵׁיינֶע יִחוּס, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שֵׁיינֶע מְיוּחָס'דִיגֶע מִשְׁפָּחָה מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען, אָבֶּער קוּרְצְלִיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער חָתָן אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן בַּיים דַעַת, אוּן דִי נֵייעֶ פָּאר-פָּאלְק הָאט זִיךְ לַיידֶער גֶעמוּזְט גֶט'ן.

דֶער גֶט אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט גָאר אַסַאךְ צַעַר, עַגְמַת נֶפֶשׁ, אוּן בִּזְיוֹנוֹת. מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּעוֹת אוֹיף זַיין טָאכְטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסִירְט לַיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ בַּיי אַזֶעלְכֶע פֶעלֶער וֶוען אֵיינֶער וִויל נָאר בַּאגְרָאבְּן דֶעם צְוֵוייטְן. אוּן נָאךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן הָאט מֶען אִים אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר זַיין טָאכְטֶער פוּן אַ וַוייטֶע לַאנְד, אוּן פוּן גָאר אַ פְּשׁוּטֶע פַאמִילְיֶע, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּם שִׁידוּךְ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז בִּכְלַל מַסְכִּים צוּ זִיךְ צוּ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִים, אוּן אַזוֹי קֶענֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש : "אִיךְ וָואלְט קֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ אַזַא סָארְט שִׁידוּךְ, דָאס לֶעבְּן הָאט מִיר אָבֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין סַאךְ שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט סֵיי וִוי מוּזְן טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל".

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ זִוּוּגִים)

נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3




BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
תַּלְמִידִים און זָאגְט זֵיי: "קוּמְט וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן אַז אַלֶעס הָאט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט אוֹיף זַיין לֶעבְּן", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֵייט ווידער צוּ צוּם וַואסֶער טְרֶעגֶער יַעַנְקְל און פְרֶעגְט אִים: "יַעַנְקְל וַואס הֶערְט מֶען עֶפֶּעס? וַואס מַאכְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "רֶבִּי, וִוי קֶען אִיךְ קְרֶעכְצְן? מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף גַארְנִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן, אִיךְ שֶׁעפּ אַן וַואסֶער בַּיים בְּרוּנֶעם אוּמְזִיסְט און טְרָאג דָאס צוּ מֶענְטְשְׁן און זֵיי צָאלְן מִיר, אַהּ! - גֶעבְּט עֶר אַ זָאג - אִיךְ דַאנְק גָאט פַּאר מַיין זִיסֶע לֶעבְּן", דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הֶערְט אִים אוֹיס און גֵייט וַוייטֶער מִיט דִי תַּלְמִידִים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי עֶרְקְלֶערְט דָאס פָאלְגֶענְדֶע: "גֶעבְּט אַ קוּק, דָאס אִיז דֶער זֶעלְבֶּער יַעַנְקְל; צְוַואנְצִיגֶער יָארְן שְׁלֶעפְּט עֶר דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוערֶע עֶמֶערְס וַואסֶער, דִי זֶעלְבֶּע שְׁטָאקְן דַארְף עֶר אַרוֹיפְקְרִיכְן, אַבֶּער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר נֶעמְט דָאס אָן"; וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען פַארְ'דַאֲגָה'ט און מַלֵא טַעֲנוֹת, און וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס, מֶען קוּקְט אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט - דַאן אִיז מֶען פוּל מִיט פְרֵייד.

צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דָאס וָואס רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף שָׂרָה אִמֵּנוּ (בְּרֵאשִׁית כג, א): "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה", אַז עֶס אִיז אִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט גֶעוֶוען; זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, בַּיי אִיר אִיז גֶעוֶוען בַּת ק' כְּבַת כ', וּבַת כ' כְּבַת ז' - אַלֶע אִירֶע יָארְן אִיז אִיר גוּט גֶעוֶוען, מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז גֶעוֶוען: "כֻּלָּן שָׁוִין לְטוֹבָה".

שְׁטַארְקְטְס אַייךְ און שְׁטַארְקְטְס אֵייעֶר מַאמֶע; רֶעדְטְס אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר גְרִינְגֶער מַאכְן פַאר אֵייעֶר מַאמֶע זִי זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן, זִי זָאל אוֹיסְלֶעבְּן אִירֶע יָארְן מִיט נַחַת און פְרֵייד.

בְּנוֹגֵעַ אַייךְ וְכוּ'; וִוי מֶער אִיר וֶועט חַזֵר'ן אִין אַייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן אֱמוּנָה, וִוי מֶער אִיר וֶועט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה - וֶועט אֵייעֶר לֶעבְּן זַיין צוּקֶערְדִיג און שֵׁיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת-בָּלָק תש"פ)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ע)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אִיז דִי שִׁיף אוֹיף וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן זִיךְ דֶערְטְרִינְקֶען, דִי שִׁיף שְׁטֶעלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אָפּ, וואוּ דֶער רֶבִּי קֶען שַׁאפְן כָאטְשׁ בָּאקְסֶער אוֹיף פֶּסַח.

**רצג**

דִי גְרוֹיסֶע גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעלֶעבְּט בַּיים אַהֵיימְפָארְן, אִיז מַמָּשׁ אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיךְ. זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַן אַרַאבִּישֶׁער קְרִיגְ'ס שִׁיף, און זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צְוֵויי אִידְן, מִיט וֶועמֶען דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעקֶענְט טוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט. דִי סֵדֶר פוּן דִי אַרַאבֶּער - סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶרֶע סָאלְדָאטְן - אִיז אַז קֶענֶען כַאפְּן אִידְן און זֵיי פַארְקוֹיפְן עֶרְגֶעץ וַוייט אַוֶועק פַאר קְנֶעכְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס וֶועט פַּאסִירְן מִיט זֵיי, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן וָואס עֶר וֶועט טוּן אִין אַזַא צַייט, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם וֶועט מֶען זֵיי טְרָאגְן עֶרְגֶעץ וואוּ אוֹיפְ'ן יַם וואוּ סְ'גֶעפוּנֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אִידְן, און מְ'וֶועט זֵיי דָארְט פַארְקוֹיפְן, און קֵיינֶער וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען, וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר דָארְט קֶענֶען זַיין אַ אִיד און טוּן אַלֶע מִצְוֹת. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט מְקַיֵּים צוּ זַיין מִצְוֹת. עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹת נָאךְ פַאר מַתַּן תּוֹרָה, כָאטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּן אַלֶע מִצְוֹת בִּפְשְׁטוּת. אַזוֹי וִוי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף יַעֲקֹב אָבִינוּ אַז עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלִּין דוּרְךְ דִי שְׁטֶעקֶענֶעס וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעשֵׁיילְט בַּיי דִי בְּהֵמוֹת "וַיַּצֵּג אֶת הַמַּקְלוֹת אֲשֶׁר פִּצֵּל בָּרְהָטִים בְּשִׁקְתוֹת הַמָּיִם" (בְּרֵאשִׁית ל', ל"ח), וִוי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (חֵלֶק א', קסב:), און אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר מַשִּׂיג גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת אוֹיף דֶעם אוֹפֶן, אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין אַן אוֹנֵס, עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ טוּן דִי מִצְוֹת גֶעהֶערִיג.

גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי הַשָּׂגָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַאכְט פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ צוּ דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט רַאדִישׁ, וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אוֹיף אַן אִינְזְל אִין יַם, און דָארְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע קְהִלָּה. זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ דֶערְקֶענְט אַז דָארְט אִיז אַ אִידִישֶׁע שְׁטָאט, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז זֵיי וֶועלְן דָארְט קֶענֶען קוֹיפְן מַצּוֹת און פִיר כּוֹסוֹת אוֹיף פֶּסַח.

זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלוֹיבְּן אַז דֶער קַאפִּיטַאן מִיט דִי אַרַאבֶּער וֶועלְן זֵיי עֶרְלוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין אִין דֶעם שְׁטָאט, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען און פַארְשְׁטַאנֶען אַז מְ'וִויל זֵיי פַארְכַאפְּן, און אֶפְשָׁר אוֹיךְ זֵיי פַארְקוֹיפְן פַאר קְנֶעכְט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## נייע אפטיילונג אויף קול ברסלב

## "שיחות חברים"

ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי שטארק מחזק געווען אז מ'זאל זיך האלטן אינאיינעם מיט גוטע חברים, א מענטש ווען ער איז אליין קען ער זייער גרינג אוועקפאלן, ער קען שנעל ווערן צעבראכן, אבער ווען מ'האט גוטע חברים קען מען זיך מחזק זיין אינאיינעם, ווען איינער ווערט שוואך וועט אים דער צווייטער אויפהויבן און מחזק זיין.

פילע אידן האבן געבעטן אז מ'זאל עפענען אן אפטיילונג אויף "קול ברסלב" ווי אנשי שלומינו, אידן וואס זענען זיך מחזק מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן וואס דער ראש ישיבה שליט"א לערנט מיט אונז, זאלן זיך קענען אויסשמועסן און זיך מחזק זיין אינאיינעם בדיבוק חברים.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האט מען די וואך געעפנט דעם נייעם אפטיילונג "שיחות חברים", וואס געפונט זיך אויף 1 און 7 און 7 אויף "קול ברסלב".

דאס איז אויסער די אנדערע פילע געשמאקע אפטיילונגען אויף טעלעפאן ליין, מיט וואס מ'קען זיך מחיה זיין אין יעדן מצב אין לעבן.

די נומערן צו רופן "קול ברסלב" קען מען זען יעדע וואך ביים סוף פונעם גליון.

**טובים השנים מן האחד!**

***

## נייעס פון די אוקריינע גרעניצן

ווי א טאג ס'ווערט נענטער צו ראש השנה, שטייגט די בענקעניש ביי אידישע קינדער צו פארן צום הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו די געוואלדיגע הבטחות וואס דער רבי האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, אז ער וועט פועל'ן פאר זיי א זיס ליכטיג יאר.

אידן ווילן וויסן וואס טוט זיך מיט די גרעניצן וואס זענען געווען פארשפארט פאר די לעצטע חדשים צוליב די ווירוס.

די וואך קומט גוטע נייעס אז אוקריינע לאזט שוין נאך פון אירע שווערע באגרעניצונגען. די אלע וואס קומען אריין דארט אין לאנד וועלן קענען נעמען א "קאראנע טעסט" אין לופטפעלד, וואס וועט קאסטן $75, און אויב קומט עס צוריק אז מ'איז נעגאטיוו, וועט מען זיך נישט דארפן איינשפארן דארט בכלל, מ'וועט קענען געהעריג זיך ארומדרייען.

אויך האט מען דארט געמאכט א געזעץ אז אויב קומט מען אריין פון איין לופטפעלד און ביז צוויי טאג פארט מען צוריק ארויס פון א צווייטע לופטפעלד, דארף מען זיך אויך נישט אפזינדערן.

דאס איז גוטע נייעס פאר אידן וואס ווילן זיך יעצט אריבערכאפן קיין אומאן פאר איין טאג, איז דא א וועג ווי אזוי דאס צו באוויזן.

מיר זענען ווייטער מתפלל אז אלעס זאל זיך געהעריג עפענען, מיר זאלן זוכה צו זיין ביים הייליגן רבי'ן מיט הרחבת הדעת און פועל'ן אלעס גוטס.

**מי יתן לי אבר כיונה אעופה ואשכונה!**


# אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~**

אייער פריינד

**אלי קנאלל**

**718-506-4341**

Plan it Rite

Travel the right way



## סימן טוב ומזל טוב

הבחור החתן

**נפתלי אפעלדארפער** נ"י

**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, דורות ישרים ומבורכים און אלעס גוטס ברוחניות ובגשמיות



## אפגעשיידט פון די וועלט

**אויב וויל איך זיין אן ערליכער איד, דארף איך זיך טאקע אינגאנצן אפשיידן פון די וועלט?**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 5, 27**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**